בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְן פון חִיזוק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקֹּתַי

תשפ"א

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וְוִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַאַרְמִישְׁט
אִין מַחֲלֹקֶת?............................................א

וְוִי אַזוֹי הַאלְט מֶען אָן דָאס בְּרֶען וָואס מֶען הָאט
אַמָאל גֶעהַאט?............................................ז

הָאבּ אִיךְ רִיכְטִיג גֶעטוּן צוּ טוֹישְׁן דִי שֵׁייטְל צוּ אַ טִיכְל? ............י

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

נִישְׁט רֶעדְן פוּן אָנְהֵייבּ דַאוֶוענֶען בִּיזְ'ן סוֹף ..............................א

וֶוען עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, אִיז דָא אַלֶע
בְּרָכוֹת אִין שְׁטוּבּ............................................ב

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאַרְ'ן צוּשְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶע סִיּוּם ..........................ב

גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אַ פְּלַאץ וָואס פַאַרְשְׁפְּרֵייט אֱמוּנָה,
אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה ............................................ג

עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן שְׁטִילֶערְהֵייט ......................ג

לָאז אָפּ דַיין טֶעלֶעפָאן אוּן פַאַרְבְּרֶענְג מִיט דַיין וַוייבּ....................ד

דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דִי לֶערֶערִין ............................................ו

דוּ גֵיי דַיין וֶועג, מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן אַנְדֶערֶע ......................ו

מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין הֵיילִיגְן תִּיקוּנֵי זוֹהַר ..............................ז

דִי מְלַמְדִים דַארְפְן אַ מְנַהֵל וָואס זָאל זֵיי מְחַזֵק זַיין ......................ח

דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִיז אַ מַתָּנָה פַאר אַלֶעמֶען ............................ט
הֶעלְף דַיין טָאכְטֶער זַיין וואוֹיל אוּן גוּט ............................ט
שְׁטַארְק זִיךְ אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן נָאךְ סִידוּ'ס מִיט נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה ....י
אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַייעֶרע קִינְדֶער ..................יא
דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ זֶען וִוי אַ קִינְד אִיז מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן .. יא
מִיר אַלֶע דַארְפְן מֶער עוֹסֵק זַיין אִין דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן .יב
לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תוֹּרָה מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט ............................יג
לָאז אִים הֶערְן נֵייעֶס הַאטְלֵיינְס ............................יג
אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ............................יד
פִירְן אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער ............................טו
לַ"ג בָּעֹמֶר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט'ן פַייל אוּן בּוֹיגְן ..............טז
וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וִוי חָשׁוּב הֲפָצָה אִיז, וָואלְסְטוּ
גֶעטַאנְצְן פוּן פְרֵייד ............................טז
עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מוּז זַיין גְרֵייט אִין צַייט............................יז
אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר וֶועסְטוּ הָאבְּן
אַ שַׁייְכוּת מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַ גַאנְץ יָאר............................יז
וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן דַארְף מֶען לֶערְנֶען
דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ............................יט
אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִיז דָא גֶענוּג פְּלַאץ פַאר אַלֶעמֶען... כא
זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע מִיט כָּבוֹד אוּן שֶׁעצוּנְג.....כד
צְנִיעוּת אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְז אִידְן ..............כו
אִיךְ זֶע אִיר זֶענְט גוּטֶע מֵפִיצִים ............................כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְמִישְׁט אִין מַחֲלֹקֶת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ און אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּ בְּרֶסְלֶב, בְּעִיקָר דוּרְךְ אַייךְ, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן נָאךְ מַשְׁפִּיעִים אִין בְּרֶסְלֶב. און אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אַ שָׁעָה יֶעדְן טָאג און אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם שָׁלוֹם בַּיִת אִין אַייעֶר זְכוּת.

אִיךְ הָאבּ לִיבּ און אִיךְ בִּין מְכַבֵּד יֶעדְן אִיד, און אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת צוּ קַיין שׁוּם מַחֲלֹקֶת, עֶס טוּט מִיר אָבֶער וויי צוּ זֶען אַז דַוְקָא אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דָא אַזוֹיפִיל מַחֲלֹקֶת. אִיךְ זֶע אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעבּוֹירְן אִין בְּרֶסְלֶב, זֵיי קֶענֶען גוּט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען זֵיי נָאר פַארְנוּמֶען מִיט פָּאלִיטִיק, וֶוער עֶס אִיז אַלְץ אַ מְפַרְסֵם שֶׁל שֶׁקֶר, וֶוער עֶס אִיז יָא גוּט און וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גוּט.

דֶער עִיקָר הָאבּ אִיךְ מוֹרָא פַאר מִיר אַלֵיין, דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דָאךְ לִכְאוֹרָה אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן וֶועג ווי אִיךְ גֵיי, און וֶוער זָאגְט אַז אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן אַזוֹי? צוּ וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישֶׁע פָּאלִיטִיק - אַנְשְׁטָאט נוּצְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת נָאר פַאר מִיר אַלֵיין.

ווי אַזוֹי מַאכְט מֶען זִיכֶער צוּ נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן נָאר פַאר זִיךְ, און נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט קַיין שׁוּם פָּאלִיטִיק און מַחֲלֹקֶת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ב): וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ, אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם, "עַל יְדֵי שֶׁנִּתְעוֹרֵר שֵׂכֶל חָדָשׁ בַּעֲבוֹדַת ה', מַה שֶּׁלֹּא הָיָה נוֹדָע עַד עַתָּה", וֶוען צַדִּיקִים זֶענֶען מְגַלֶּה נַייעֶ וֶועגְן ווִי אַזוֹי מֶען זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם וֶועקְן זִיךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיף, עֶס וֶוערְט: "רַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ, אַךְ אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם", אָבֶּער נִישְׁט אַלֶע נֶעמֶען דִי נַייעֶ וֶועג צוּ גֵיין מִיט דֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ טֵייל נֶעמֶען דָאס פַאר חַיֵּי עוֹלָם אוּן אַ טֵייל נֶעמֶען דָאס צוּ שֶׁענְדְן דִי וֶועלְט, "כִּי 'צַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם' - שֶׁעוֹבְדִין עִם זֶה הַשֵּׂכֶל אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דִי צַדִּיקִים נֶעמֶען דֶעם צַדִּיקְ'ס נַייעֶ וֶועג צוּ דִינֶען דֶערְמִיט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "'וּפוֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם', שֶׁאֵינָם עוֹבְדִין בָּזֶה אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אָבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען דָאס נִישְׁט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "רַק שֶׁעַל יְדֵי זֶה הֵם מְבַזִּין וּמְחָרְפִין אֶת הָעוֹלָם", נָאר זֵיי בַּאנוּצְן זִיךְ מִיט דִי נַייעֶ שֵׂכֶל חוֹזֵק צוּ מַאכְן פוּן דִי וֶועלְט, "עַל שֶׁהֵם יוֹדְעִין מִזֶּה הַשֵּׂכֶל הֶחָדָשׁ, וְהָעוֹלָם אֵינָם יוֹדְעִין מִזֶּה", זֵיי בַּארוּמֶען זִיךְ אַז זֵיי וֵוייסְן פוּן דִי נַייעֶ שֵׂכֶל אָבֶּער דִי וֶועלְט וֵוייסְט נִישְׁט דֶערְפוּן, "וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי - לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם, הַיְנוּ לְחָרֵף וּלְבַזּוֹת הָעוֹלָם, כִּי אֵינָם מִשְׁתַּמְּשִׁין עִם זֶה הַשֵּׂכֶל הֶחָדָשׁ רַק לְבַזּוֹת וּלְחָרֵף הָעוֹלָם, עַל יְדֵי שֶׁהֵם יוֹדְעִים מִזֶּה, וְהָעוֹלָם הֵם רֵיקִים וַחֲסֵרִים מִזֶּה", מֶען שְׁפֶּעט פוּן אַנְדֶערֶע, מֶען מַאכְט מַחֲלֹקֶת אוֹיף אַנְדֶערֶע, מֶען בַּאנוּצְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי שֵׂכֶל צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֵיידֶער הָאבְּן מִיר דָאס גֶעזֶען אַלֶע יָארְן, ווִי מֶען הָאט פַארְשֶׁעמְט מוֹהֲרַ"ש; דִי מַחֲלֹקֶת אוֹיף מוֹהֲרַ"ש אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען פוּן פְרֶעמְדֶע,

נָאר לֵיידֶער, דִי וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ 'בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים' - זֵיי הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוּן גֶעמַאכְט דִי מַחֲלֹקֶת; דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז נִישְׁט אַלֶע וָואס קוּמֶען צוּם צַדִיק בַּאנוּצְן זִיךְ מִיט דֶעם צַדִיקְ'ס וֶוערְטֶער פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַ טֵייל נוּצְן דָאס צוּ שֶׁענְדְן אַנְדֶערֶע.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר אוּן זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט מַחֲלֹקֶת; עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס זֵיי וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען מוֹחֵל זַיין אוֹיף וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִיס צוּם טִיר (דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פוּס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי"ן?! וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי"ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

אִין בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, ר' שְׁלֹמֹה רְאוּבֵן זְלַאטֶע'ס, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶער בַּעַל תְּפִלָּה אוּן אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם, דָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אוֹיף אִים: "אִיךְ בִּין אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט מוֹחֵל", וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ חֵלֶק אִין דִי מַחֲלֹקֶת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען

קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, אוֹיב הָאט מֶען שַׁייְכוּת מִיט מַחֲלֹקֶת – אִיז גָאר בִּיטֶער.

שְׁטֵיי אַוֶועק פוּן דִי אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, שְׁטֵיי וַוייט פוּן זֵיי כִּמְטַחֲוֵי קֶשֶׁת; דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט דִי וָואס טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע, רֶבִּי נָתָן הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין פוּן דִי וָואס רוֹדְפְ'ן אַנְדֶערֶע. אַמָאל זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן דִי מַשְׂכִּילִים פוּן אוּמַאן, זֵיי הָאבְּן אִים לִיבּ גֶעהַאט, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "מִיר קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן בַּיי דִי רֶעגִירוּנְג אַז בִּיז פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה זָאל נִישְׁט זַיין אִין גַאנְץ רוּסְלַאנְד קַיין אֵיין מִתְנַגֵּד אוֹיף אַייךְ!" זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ כֹּחַ בַּיי דִי רֶעגִירוּנְג, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי מֶען רוֹדְפְ'ט רֶבִּי נָתָן פַאר גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, הָאבְּן זֵיי דָאס גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אוּן גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת דָאס צוּ טוּן, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְגִין נִישְׁט דִי מִתְנַגְּדִים זֵיי זָאלְן זַיין נִרְדָּפִים, אִיךְ וִויל זַיין דֶער נִרְדָּף; דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ רוֹדְפְ'ן אַנְדֶערֶע".

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, אַנְטְלוֹיף פוּן דִי וָואס רוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, דִי וָואס רוֹדְפְ'ן אַנְדֶערֶע; חַבֵר זִיךְ נָאר מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען נָאר פוּן תַּכְלִית, זֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען נָאר פוּן חִיזוּק. זוּךְ אוֹיף צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי וָואס רֶעדְן נָאר פוּן חַיֵּי עוֹלָם, הֶער אוֹיס שִׁיעוּרִים פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען חִיזוּק אוֹיף תּוֹרָה, חִיזוּק אוֹיף תְּפִלָּה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, דֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, יֶעדְן אֵיינֶעם אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן זַיין בְּלָאטֶע – אוֹיסֶער אַ בַּעַל מַחֲלֹקֶת; אַ בַּעַל מַחֲלֹקֶת הָאט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ בַּיים רֶבִּי'ן. הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי טֶעלֶעפָאן לֵיינְס וָואס רֶעדְן אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין שׁוּלְן וָואס מֶען רֶעדְט קֶעגְן דֶעם אוּן יֶענֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן לב): "אַל תִּתְפַּלֵּל בְּבַיִת שֶׁבָּנָה בַּעַל מַחְלוֹקֶת", מֶען זָאל נִישְׁט דַאוֶונֶען אִין אַ הוֹיז וָואס אַ בַּעַל מַחֲלֹקֶת הָאט גֶעבּוֹיעֶט; מוֹהֲרַנְ"שׂ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, דָאס מֵיינְט מֶען אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ,

אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין דַאוֶוענֶען אִין אַ שׁוּל וָואס מֶען קְרִיגְט זִיךְ דָארְט.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר אוּנְז אַפָּאר שָׁעָה אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְקוּת, אִין שְׁפִּיטָאל הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן דִי בְּרִיוו ווִי עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיי אוּנְז אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט מַחֲלֹקֶת:

בעזה"י יוֹם ה' לְסֵדֶר יִתְרוֹ ט"ז בִּשְׁבַט ה'תשע"ה

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל כְּלָלִיּוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְקָרִים דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר הוי"ה עֲלֵיהֶם יַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ תָּמִיד

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע זֶענֶען מְקוּשָׁר צוּ מִיר זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אִין זֵייעֶר שְׁטָאט, אִין דִי גֶעגְנְט וואוּ זֵיי וואוֹינֶען.

אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן אַייךְ, עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט.

פוּן צַייט צוּ צַייט זָאלְט אִיר קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ דַאנְקְבַּאר זַיין פַאר דֶעם. וֶוען אִיר וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן אִיר וֶועט דָארְט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַ יְשׁוּעָה, וֶועל אִיךְ זַיין פַאר אַייךְ אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוֹיבְן אִין הִימְל".

אוֹיךְ שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ אִין דִי צַוָואָה זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן מַחֲלֹקֶת, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת י):

"מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק הִיטְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְצוּמִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן, אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייְכוּת מִיט קַיין שׁוּם סָארְט פָּאלִיטִיק.

כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער גֶעשְׁטֶעל, אוֹיב הֵייבְּט מֶען אָן זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת אוֹיף אִידְן, צוּבְּרֶעכְט מֶען מִיט דֶעם חֲלָקִים פוּנֶעם גַאנְצְן גֶעשְׁטֶעל, אוּן דַאן קֶען צוּפַאלְן דֶער גַאנְצֶע בִּנְיָן, מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פַאלְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַרַיינְפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם אִין כְּפִירוֹת אוּן

אַפִּיקוֹרְסוּת. און פַארקֶערְט וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ בְּשָׁלוֹם בְּרֶענְגְט דָאס אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, שָׁלוֹם אִיז דִי כְּלִי וָואס בְּרֶענְגְט פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת און יְשׁוּעוֹת.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת, אִיר זָאלְט אֵייבִּיג שְׁטֵיין פוּן דִי זַייט און אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ אוֹיב מֶען וֶועט אַייךְ וֶועלְן אַיינְרֶעדְן אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ מִצְוָה און אַ חוֹב קָדוֹשׁ צוּ רוֹדְפְ'ן אַ גֶעוִויסְן מֶענְטְשׁ, זָאלְט אִיר זֶען צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי סָארְט מִצְוֹת, אִיר זָאלְט אַייךְ הַאלְטְן נָאר בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם. און זִיכֶער זָאלְט אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן קֶעגְן קַיין שׁוּם אִיד, וֶוער עֶס שְׁרַייבְּט אוּנְטֶער קֶעגְן אַ אִיד גֵייט אַרַיין אִין כְּלַל וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין נח:) "הַמַּגְבִּיהַּ יָדָיו עַל חֲבֵירוֹ נִקְרָא רָשָׁע" - אֵיינֶער וָואס הֵייבְּט אוֹיף אַ הַאנְט אוֹיף זַיין חַבֵר הֵייסְט אַ רָשָׁע. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט נְקָמָה נֶעמֶען אִין דֶעם וָואס טוּט דָאס, עֶר וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זֶען צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי מַחְלוֹקֶת, רַייבֶּערַייעֶן און טַעֲנָה'רַייעֶן וָואס מַאכְט זִיךְ צְוִוישְׁן חֲסִידוּת'ן אָדֶער צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע גְרוּפֶּעס און פַּארְטֵייעֶן. אִיר זָאלְט זֶען צוּ מְכַבֵּד זַיין יֶעדְן אִיד, צוּ הַאלְטְן טֵייעֶר און חָשׁוּב יֶעדְן אִיד. אִיר זָאלְט מִתְפַּלֵל זַיין און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם צְווִישְׁן אִידְן און אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר וֶועט נָאר זוּכְן שָׁלוֹם און אִיר וֶועט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִידְנ'ס וֶועגְן, אִין דֶעם זְכוּת וֶועלְן אַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אִין הִימְל און עֶס וֶועט אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוער עֶס פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ הַאלְטְן בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער און עֶר בֶּעט און אִיז מִתְפַּלֵל פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער", עַד כַּאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי הַאלְט מֶען אָן דָאס בְּרֶען וָואס מֶען הָאט אַמָאל גֶעהַאט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל מוּז אִיךְ זִיךְ זַייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוָואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אוּן עֵצוֹת אִין לֶעבְּן, וָואס הֶעלְפְט מִיר אַזוֹיפִיל, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט מִיר אַרַיין אַ הָאפֶענוּנְג אוּן סִיפּוּק אִין לֶעבְּן.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע זַאכְן. וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים הָאט עֶס מִיר גָאר שְׁטַארְק אָנְגֶעצִינְדְן אַ גְרוֹיסֶע הִתְלַהֲבוּת אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוָואלְדִיגֶע בְּרֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ הָאבּ עֶנְדְלִיךְ גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם וָואס פַארְשְׁטֵייט מִיר אוּן רֶעדְט צוּ מַיין הַארְץ, אוּן עֶס הָאט מִיר שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט דָאס לֶעבְּן צוּם גוּטְן; אָבֶּער ווִי לֶענְגֶער עֶס גֵייט דוּרְךְ מֶער צַייט, ווֶערְט בַּיי מִיר אָפְּגֶעקִילְט דָאס בְּרֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אָנְפַאנְג, אוּן מִיט דֶעם ווֶערְט אוֹיךְ ווֵיינִיגֶער דָאס מְקַיֵּים זַיין וָואס אִיךְ הֶער; ווִיל אִיךְ הָאבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן אִיבֶּער דֶעם.

צְווֵייטְנְס, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף לֶעבְּן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דָאס הָאט מִיר גָאר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט אַנְדֶערֶע סָארְט הַדְרָכוֹת, בַּיי אוּנְז הָאט מֶען אַסַאךְ גֶערֶעדְט קֶעגְן תַּאֲווֹת וְכוּ'. דַארְף אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין בִּיז יֶעצְטִיגֶע ווֶעג, אָדֶער אִיז דָא אַ מִיטְלְוֶועג אִין דֶעם?

דְרִיטְנְס, אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, אִיךְ לֶערְן מִיט קִינְדֶער, אוּן לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט הַאלְטְן דִי קִינְדֶער אִין דִי רַאמֶען נָאר מִיט שְׁרֵייעֶן אוּן אָנְשְׁרֶעקְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע ווֶעג זֵיי צוּ הַאלְטְן אוֹיפְ'ן פְּלַאץ; דַארְף אִיךְ אָפְּלָאזְן דָאס מְלַמְּדוּת, אָדֶער אִיז דָא אַ ווֶעג זִיךְ צוּ טוֹישְׁן?

אִיךְ ווֶעל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווֶעט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק אוֹיף דִי זַאכְן, אוּן אִיךְ הָאף צוּ זֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּקָרוֹב דָא אִין אֶרֶץ

יִשְׂרָאֵל.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט"ו אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ עֶנְטְפֶערְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע, אִין אָנְהֵייבּ הָאסְטוּ גֶעשְׁפִּירְט מֶער חֵשֶׁק אוּן הִתְלַהֲבוּת, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר אַז דוּ פַארְלִירְסְט דִי בְּרֶען אוּן חֵשֶׁק.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי וִוי זֵיי פַאלְן אַרָאפּ פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל", אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, "רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ לַחֲזֹר וּלְהַכְנִיעַ וּלְשַׁבֵּר הַקְּלִיפּוֹת וְהַמְּנִיעוֹת וְכוּ' שֶׁבְּכָל מַדְרֵגָה וּמַדְרֵגָה מֵחָדָשׁ, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל כַּנַּ"ל", דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען דַארְף גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן כְּדֵי צוּ קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער דַארְף מֶען אַרָאפְּגֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ נָאכְאַמָאל שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דֶערִיבֶּער זֶעט דָאס אוֹיס וִוי מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר צוּ קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע, עֶס זֶעט דִיר אוֹיס אַ סְתִירָה דִי וֶוערְטֶער וָואס דוּ הֶערְסְט דָא בַּיים רֶבִּי'ן מִיט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַז אַלֶעס אִיז תַּאֲווֹת, אַלֶעס אִיז גַשְׁמִיּוּת, מֶען דַארְף

זִיךְ אָפְּרַייסְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; וָואס אִיךְ שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן תַּאֲווֹת? דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן תַּאֲווֹת? עֶסְן דַארְף מֶען - מֶען זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁלָאפְן דַארְף מֶען - מֶען זָאל קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און חֲתוּנָה הָאבְּן דַארְף מֶען - צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן תַּאֲווֹת".

בְּלַייבּ בַּיי דַיין פְּלַאץ, מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת; נֶעם דֶעם רֶבִּי'ן פַאר חִיזוּק, לֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען דַיין מֹחַ, דוּ וֶועסְט קוּקְן אַנְדֶערְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט.

וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס קוֹל - הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן וִוי מֶען אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן, מֶען שְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר און נֶעבְּן מִיר; וָואס מֶען דַארְף - בֶּעט מֶען אִים, וָואס מֶען ווִיל - רֶעדְט מֶען צוּ אִים; מֶען דַאנְקְט און מֶען לוֹיבְּט אִים, דִי וַוייבּ און קִינְדֶער וֶוערְן אַ חֵלֶק אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אִין דֶעם עִנְיָן; אַ שָׁאד מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם צוּ בְּנֵי הַנְּעוּרִים, וָואלְטְן אַלֶע זִיךְ גֶעצוֹיגְן צוּם אֱמֶת. רוֹב פַאלְן אַוֶועק ווַייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ זִיךְ צוּ רַייסְן מִיט דִי לֶעבְּן, מֶען רֶעדְט נָאר פוּן זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן, פוּן זִיךְ אָפְּטֵיילְן; דֶער רֶבִּי רֶעדְט אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי רֶעדְט אַזוֹי שְׁטַארְק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַז עֶס וֶוערְט אַזוֹי לִיכְטִיג, עֶס וֶוערְט אַזוֹי זִיס; גַשְׁמִיּוּת וֶוערְט רוּחָנִיּוּת, אַלֶעס וֶוערְט אֱלֹקוּת.

דִי דְרִיטֶע פְרַאגֶע, אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דִי מְלַמְּדוּת, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי אָן שְׁרֵייעֶן גֵייט עֶס נִישְׁט; אִיךְ מֵיין דוּ זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ אָפְּלָאזְן דִי שְׁרֵייעֶן, שְׁרֵייעֶן אִיז אַ זַאךְ וָואס הֶעלְפְט נִישְׁט, שְׁרֵייעֶן קוּמְט פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט, פוּן נִישְׁט גֶעהֶערִיג שְׁלָאפְן, פוּן נִישְׁט גֶעהֶערִיג עֶסְן, און עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְלוֹירְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט

קִינְדֶער וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי וֶועג זִיךְ צוּ מְחַבֵּר זַיין מִיט זֵיי; זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט פָאלְגְן און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אַ וֶועג מִיט זֵיי ווִי צוּ קֶענֶען זַיין אַ גוּטֶער מְלַמֵּד זֵיי זָאלְן פָאלְגְן, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? אִיךְ פְלֶעג גֵיין אִינְדֶערפְרִי פַארְטָאגְס הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט זֵיי; אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן קִינְד ווִי אַזוֹי עֶר אִיז אִין כִּתָּה, אַלֶעס אַלֶעס דֶערְצֵיילְט, און בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט זֶענֶען דִי קִינְדֶער גֶעוָוארְן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע קִינְדֶער; טוּ דָאס וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה.

...

## הָאבּ אִיךְ רִיכְטִיג גֶעטוּן צוּ טוֹישְׁן דִי שֵׁייטְל צוּ אַ טִיכְל?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין מִיט אַ טִיכְל אַנְשְׁטָאט דִי שֵׁייטְל מִיט וָואס אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בִּיז יֶעצְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט רְשׁוּת און מִיט דִי הַסְכָּמָה פוּן מַיין מַאן.

לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ אָבֶּער צֶעמִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ רִיכְטִיג גֶעטוּן, וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה וָואס זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטָארְט טוּן, זֵיי טַעְנָה'ן אַז אַ צְנִיעוּת'דִיגֶע שֵׁייטְל אִיז מֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטְן ווִי אַ טִיכְל, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ ווִיל נָאר טוּן דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם, און יֶעצְט בִּין אִיךְ מְסוּפָּק צִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז טַאקֶע צוּפְרִידְן פוּן דֶעם שְׁרִיט.

אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק יֶעדֶע וָואךְ מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, און אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף דֶעם.

אוֹיךְ מַאכְן מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם חַאלַאקֶע דֶעם לַ"ג בָּעֹמֶר, און אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז עֶפֶּעס אוֹיף וָואס מֶען דַארְף פוּן יֶעצְט מֶער מַקְפִּיד זַיין וֶוען דָאס קִינְד אִיז שׁוֹין דְרֵיי יָאר אַלְט.

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת אֱמוֹר, ט"ז אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיװ.

אַז אִיר װִילְט אוֹיסְטוֹין דִי שֵׁייטְל אוּן אָנְטוֹן אַ טִיכְל אוּן אַייעֶר מַאן אִיז מַסְכִּים צוּ דֶעם, זָאלְט אִיר דָאס אַװַדַאי טוֹן.

עֶס אִיז נִישְׁט װָאר װָאס אַייעֶר מִשְׁפָּחָה זָאגְט; אַװַדַאי אִיז אַ טִיכְל מֶער צְנִיעוּת'דִיג פוּן אַ שֵׁייטְל. דִי גַאנְצֶע זַאךְ װָאס מֶען הָאט מַתִּיר גֶעװֶעזְן אַ שֵׁייטְל אִיז נָאר װַייל מֶען װִיל דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען זִיךְ צוּצוּדֶעקְן דֶעם קָאפּ, אַ פְרוֹי טָאר נִישְׁט גֵיין אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי אֵייגֶענֶע הָאר; פַאר דִי פְרוֹיעֶן װָאס שֶׁעמֶען זִיךְ צוּצוּדֶעקְן דֶעם קָאפּ אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט נִכְשָׁל װֶוערְן - פַאר זֵיי הָאט מֶען מַתִּיר גֶעװֶעזְן צוּ גֵיין אַ שֵׁייטְל, אָבֶּער אַ טִיכְל אִיז זִיכֶער מֶער מַעֲלָה אִין צְנִיעוּת.

קֵיינֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אַייעֶר לֶעבְּן; אַז אִיר מִיט אַייעֶר מַאן װִילְן בֵּיידֶע טוֹן דִי גוּטֶע זַאךְ - זָאלְט אִיר דָאס טוֹן.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר קִינְד װָאס װֶוערְט דְרֵיי יָאר; פוּן הַיינְט אוּן װַייטֶער זָאלְט אִיר זֶען עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג גֵיין צוּגֶעדֶעקְט דֶעם קָאפּ, אֲפִילוּ בַּיים שְׁלָאפְן; אַ קַאפְּל אִיז מְסוּגָל אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת קנו:), דִי שְׁטֶערְן זֶעעֶר הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דִי מַאמֶע פוּן רֶבִּי נַחְמָן בַּר יִצְחָק אַז זִי גֵייט הָאבְּן אַ קִינְד אַ גַּנָּב, הָאט דִי מַאמֶע גֶעמַאכְט אַ קַאפְּל, זִי הָאט דָאס אָנְגֶעטוֹין דֶעם קִינְד אוּן אִים אָנְגֶעזָאגְט עֶר זָאל אַלְץ גֵיין מִיט דֶעם, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. אֵיינְמָאל אִיז אִים דִי קַאפְּל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעלָאפְן גַּנְבְ'עֶנֶען; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין צוּגֶעדֶעקְט דֶעם קָאפּ.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל גֵיין מִיט צִיצִית אוּן שְׁלָאפְן מִיט צִיצִית.

וְעַל כּוּלָם זָאלְט אִיר דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז דִי

קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, צַדִיקִים. מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל דִי מַעֲשֶׂה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר, וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער - זֶעקְס זוּן אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; "אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם, לֹא נִכְנַס אִתּוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אוּן דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**נִישְׁט רֶעדְן פוּן אָנְהֵייבּ דַאוֶונֶען בִּיזְ'ן סוֹף**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, י"א אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימּוּד הַתּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם; בַּיים דַאוֶונֶען זָאלְסְטוּ אַלֶעס אַוֶועקְלֵייגְן אוּן נָאר דַאוֶונֶען. גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן אָנְהֵייבּ דַאוֶונֶען בִּיזְ'ן סוֹף, בִּפְרַט מִיט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן קַיין אֵיין וָוארְט.

וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה שְׁלֶעפְּט – זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דִי סֶעקוּנְדֶעס אוּן מִינוּטְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, חַס וְשָׁלוֹם רֶעדְן אָדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיט חֲבֵרִים; דוּרְךְ דַאוֶוענֶען וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגָּא אוּן צוּ כָּל טוּב.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי נֵייעֶ קוּנְטְרֵס וָואס דוּ הָאסְט גֶעדְרוּקְט, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מַיינֶע קִינְדֶער דְרוּקְן סְפָרִים; זֵיי הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הֲפָצַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ.

דַיין טַאטֶע.

...

## װען עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, י״א אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם צְוִישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, שָׁלוֹם אִיז דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שַׁבָּת י׃); װען עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ - אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת אִין שְׁטוּבּ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת; אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָאךְ אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, וואו מֶען גֵייט אוּן וואו מֶען שְׁטֵייט הָאט מֶען פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער. עֶס אִיז אַזוֹי אַיינְגֶענֶעם צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס גֵייט אַנְדֶערְשׁ נָאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, אַלֶעס גֵייט כְּסִדְרָן וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ׳ן צוּשְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶע סִיוּם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, י״א אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ זֶען דִי חַבּוּרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, זִיךְ טְרֶעפְן מִיט תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה אוּן מִיט דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים. אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען צוּ דִיר מֶער אָפְט, אִיךְ וִויל זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; בְּעִיקָר וִויל אִיךְ מְחַזֵק זַיין דִי שִׁיעוּר גְמָרָא.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאכְנִישְׁט בַּאדַאנְקְט פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, פַארְ׳ן צוּגְרֵייטְן דִי שֵׁיינֶע סִיוּם; גֶעבּ אִיר אִיבֶּער אַ גְרוֹיסְן דַאנְק. אִין זְכוּת פוּן אַרַיינְנֶעמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיס שֶׁפַע.

אִיךְ וַוארְט צוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת צוּ קֶענֶען פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ

וָועל דִיר לָאזְן וויסְן אויבּ אִיךְ הָאבּ רְשׁוּת, וֶועסְטוּ מִיר עֶרְלֶעדִיגְן דִי טִיקֶעטְס וְכוּ'.

...

## גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אַ פְּלַאץ וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט אֱמוּנָה, אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, י"א אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אוּנְזֶער יְשִׁיבָה; עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צְדָקוֹת, אַלֶע זֶענֶען חָשׁוּב; אָבֶּער אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַאר אַ פְּלַאץ וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט אֱמוּנָה, אַ פְּלַאץ וָואס לֶערְנְט אִינְגֶעלַייט לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וּבְאַהֲבָה מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', - אִיז דִי מִצְוָה זֵייעֶר גְרוֹיס.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים, דַיינֶע סִיוּמִים - וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין.

זַיי מַקְפִּיד אוֹיף מִקְוֶה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין", מִקְוֶה אִיז הַמְתָּקַת הַדִּין; נָאכְן זִיךְ טוֹבֵל'ן שְׁפִּירְט מֶען ווי מֶען וֶוערְט אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ.

...

## עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן שְׁטִילֶערְהֵייט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַייט אָפְן מִיט אַייעֶר מַאן; רֶעדְט צוּ אִים, זָאגְט אִים וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן שְׁטִילֶערְהֵייט; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט סֵיי פַארְ'ן גֶעזוּנְט אוּן סֵיי פַארְ'ן שָׁלוֹם בַּיִת.

אַז אַייעֶר מַאן קוּמְט אַהֵיים שְׁפֶּעט אוּן עֶר רֶעדְט נִישְׁט מִיט אַייךְ קַיין צְוֵויי וֶוערְטֶער, עֶר זִיצְט מִיט זַיין טֶעלֶעפָאן טָאג אוּן נַאכְט - דַארְפְט אִיר אִים דָאס זָאגְן. זַייט אָפְן מִיט אִים, זָאגְט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט: "מַיין טַייעֶרֶער מַאן, אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט דִיר, אִיךְ וִויל לֶעבְן מִיט דִיר, אִיךְ וִויל הָאבְן מִיט דִיר; עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַז דוּ לוֹיפְסְט צוּ דַיין טֶעלֶעפָאן טָאג אוּן נַאכְט".

אַייעֶר מַאן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶער, עֶר כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט וָואס עֶר טוּט; דִי טֶעלֶעפָאן צִיט אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען וֶוערְט אוּמְוִוילְנְדִיג צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, מֶען כַאפְּט נִישְׁט וִויפִיל צַייט עֶס גֵייט אַוֶועק דוּרְךְ דֶעם.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, רֶעדְט צוּ אִים, זַייט אָפְן מִיט אִים; זָאגְט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט וִוי שְׁטַארְק אִיר וַוארְט אַ גַאנְצְן טָאג עֶר זָאל אַהֵיים קוּמֶען, וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין מִיט אַייךְ, וַוייל עֶר אִיז אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר מֵיינְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאז אָפּ דַיין טֶעלֶעפָאן אוּן פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין וַוייבּ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ג אִיָיר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט מִיט אִיר וְכוּ'; זִי וַוארְט דִיר אָפּ יֶעדֶע נַאכְט, זִי וַוארְט דוּ זָאלְסְט אַהֵיים קוּמֶען צַייטְלִיךְ, זִי וִויל זַיין מִיט דִיר, אָבֶער דוּ קוּמְסְט אַהֵיים שְׁפֶּעט, דוּ בְּלַייבְּסְט שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל, אוּן וֶוען דוּ קוּמְסְט שׁוֹין אַהֵיים, מַאכְסְטוּ זִיךְ וִוי דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, לוֹיפְסְט אַרַיין אִין בֶּעט; זִי הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, זִי זָאגְט אַז זִי שְׁפִּירְט וִוי דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ צְוֵויטְן, מִיט דַיין טֶעלֶעפָאן.

איך גֶעדֶענְק ווי שְׁטַארְק דו הָאסְט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן, דו הָאסְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צו זַיין אַ בָּחוּר; יֶעצְט אַז דו הָאסְט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, דו הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַן אֵשֶׁת חַיִל – פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן ווִי אַ בָּחוּר? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַהֵיים גֵיין צוּ דַיין ווַייבּ גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב? און אַז דו לֶערְנְסְט דֶעם שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין נָאכְן שִׁיעוּר!

דַיין ווַייבּ זָאגְט אַז דו קוּמְסְט אַהֵיים שְׁפֶּעט און דו זָאגְסְט דו הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, דו גֵייסְט שְׁלָאפְן, אָבֶּער ווִילַאנְג דו שְׁפִּילְסְט מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאן הָאסְטוּ כֹּחַ; דָאס בַּאדֶערְט אִיר זֵייעֶר, זִי ווֵיינְט פוּן דֶעם.

איך בֶּעט אַזוֹי סַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פוּן שָׁלוֹם, אַ פְּלַאץ וואו אַלֶע לֶעבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. איך גֶעבּ אַוֶועק זֵייעֶר אַסַאךְ פַאר דִי שְׁטֶעטְל, איך ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אַלֶע אַיינְווֹאוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ; דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין זוֹיבֶּער, דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין רֵיין.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, איך הָאבּ דִיר לִיבּ, איך ווִיל דַיין גוּטְס, אֶפְשָׁר דָאךְ וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן צוּרִיק פוּנְדָאסְנֵיי אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן; אַנְשְׁטָאט קוּקְן אִין טֶעלֶעפָאן סְפָּארְט״ס, ווִי דִי בָּאלִי פְלִיט אַהֶער און אַהִין – קֶענְסְטוּ קוּקְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אִין אַ מִשְׁנַיוֹת, אִין דִי גְמָרָא. קֶענְסְט קוּקְן אוֹיף דַיין ווַייבּ; זִי וַוארְט דו זָאלְסְט קוּקְן אוֹיף אִיר, זִי פְּרוּבִּירְט אַזוֹי שְׁוֶוער זִיךְ אַהֶער צוּ שְׁטֶעלְן שֵׁיין פַאר דִיר, אַבִּי דו זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער, און דו לוֹיפְסְט צוּרִיק צוּ דִי נַארִישֶׁע גֶעיְמְס, נַארִישֶׁע סְפָּארְט״ס.

גֶעבּ זִיךְ אַ דֶערְמַאן ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר גֶעוֶוען צוּ זַיין אַלֵיינְס, גֶעבּ זִיךְ אַ דֶערְמַאן ווִיפִיל סְגוּלוֹת דו הָאסְט גֶעטוּן צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, און יֶעצְט אַז דו הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט – דַארְפְסְטוּ ווַייטֶער בּוֹיעֶן דִי שְׁטוּבּ אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין ווַייבּ.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים, וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דִי לֶערֶערִין

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

יֶעצְט הֶער אִיךְ פוּן דִי טִיטְשֶׁערְס אַז אִיר זוּכְט נִישְׁט גוּטֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט; וֶוען דִי טִיטְשֶׁער זָאגְט אַז מֶען גֵייט עֶפֶּעס לֶערְנֶען - זוּכְט אִיר צוּ אָפְּלַאכְן, אִיר זוּכְט צוּ שְׁטֶערְן.

אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן, אִיר זָאלְט פוּן הַיינְט אָנְהֵייבְּן זִיךְ פִירְן וִוי אַ גְרוֹיס קִינְד; אִיר וֶועט נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס, אִיר וֶועט זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל וָואס אַ בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידָה אִיז.

אִיךְ הָאף דִי וָואךְ צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף אַייךְ.

...

## דוּ גֵיי דַיין וֶועג, מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן אַנְדֶערֶע

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל בֵּית הַתַּבְשִׁיל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט פוּן צוּשְׁטֶעלְן עֶסְן פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט.

עֶס זָאל דִיר אָבֶּער נִישְׁט וֵויי טוּן וֶוען אֵיינֶער דַארְף נִישְׁט אוּן וִויל נִישְׁט נֶעמֶען פוּן דִי עֶסְן, אָדֶער אוֹיב אֵיינֶער פוּן דִי גַבָּאִים נֶעמֶען נִישְׁט; דוּ גֵיי דַיין וֶועג, דוּ טוּ גוּטְס אוּן וֶוער עֶס דַארְף נִישְׁט - דַארְפְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק דֶערְפוּן.

דוּ וֵוייסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַלְץ

גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן קַיין שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל, נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן אִידְן; וָואס אִיז דִי שַׁיְיכוּת אֵיינְס מִיטְ'ן צְוֵוייטְן? נָאר בְּדֶרֶךְ כְּלַל, דִי אַלֶע וָואס טוּעֶן חֶסֶד וֶוערְן אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין עוֹלָם הַחֶסֶד, זֵיי פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מֶענְטְשְׁן; מֶען פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מִידוֹת, עֶס אִיז דָא חֶסֶד, גְּבוּרָה, תִּפְאֶרֶת וְכוּ', בְּשָׁעַת מֶען נֶעמְט צַאם גֶעלְט אוּן מֶען זֶעט אֵיינֶער גֶעבְּט נִישְׁט וֶוערְט מֶען גֶערֶעגְט אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן; דָאס הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּעטְן, זֵיי זָאלְן וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם; גֵיי דַיין וֶועג אוּן הָאבּ יֶעדְן לִיבּ, וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

...

### מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין הֵיילִיגְן תִּיקוּנֵי זוֹהַר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרָשַׁת אֱמוֹר, י"ד אִיָּיר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

בִּיז דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין רְשׁוּת אַרַיינְצוּגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאף נָאךְ צוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת, אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין אִין מִירוֹן דֶעם יָאר לַ"ג בָּעֹמֶר.

אוֹיךְ אִיךְ וֶועל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין רְשׁוּת וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט צוּשְׁטֶעלְן אַ סְעוּדָה פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ צוּגְרֵייטְן מוּזִיק (אוֹיךְ קְלַארִינֶעט וָואס שְׁפִּילְט אִין מִירוֹן); מִיר וֶועלְן מַאכְן אַ סְעוּדָה לֵיל שִׁישִׁי אִין יְשִׁיבָה פַאר אֲנָשִׁים, אוּן אוֹיךְ אִין וַוייבֶּער שׁוּל פַאר דִי נָשִׁים אוּן פַאר דִי קִינְדֶער. לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ יוֹם טוֹב, אַ טָאג וָואס אַלֶע אִידְן פְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דֶעם זוֹהַר, דִי פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה.

לֵייג צוּ אַ שִׁיעוּר צְווִישְׁן דַיינֶע שִׁיעוּרִים, אִין סֵפֶר הַתִּקּוּנִים; אִיךְ לֶערְן

יֶעדְן טָאג תִּיקוּנֵי זוֹהַר, אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' מִיט דִי תִּיקוּנִים. אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט וֵוייניג, דָאךְ שְׁפִּירְט מֶען בַּיים לֶערְנֶען אַז עֶפֶּעס גְרוֹיסֶע זַאכְן טוּט זִיךְ.

דֶעם שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען נָאר נָאכְן גֵיין אִין מִקְוֶה.

...

## דִי מְלַמְּדִים דַארְפְן אַ מְנַהֵל וָואס זָאל זֵיי מְחַזֵּק זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ד אִיָּיר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער חַבֵר, מְחוּתָּנִי הר"ר ... שְׁלִיטָ"א, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִי מְלַמְּדִים אַז דוּ הָאסְט נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן דַיין וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר פַאר זֵיי, דוּ בִּיסְט מְחַזֵּק דִי מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט זֵייעֶר אַרְבֶּעט.

זַיין אַ מְנַהֵל אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת; דִי מְלַמְּדִים לֶערְנֶען טַאקֶע מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער, אָבֶּער אֵיינֶער דַארְף זֵיי מְחַזֵּק זַיין, אֵיינֶער דַארְף זֵיי גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, אַן עֵצָה, אַבִּיסְל הִילְף וְכוּ' וְכוּ'; אַז דֶער מְנַהֵל הָאט אִינְזִין דִי מְלַמְּדִים, זֵיי צוּ שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין, אַז דֶער מְנַהֵל קוּקְט זִיךְ אוּם אוֹיב דִי מְלַמְּדִים זֶענֶען צֵייטְלִיךְ, צִי זֵיי לֶערְנֶען גֶענִיט חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, יֶעדֶער אֵיינֶער וִויפִיל זֵיי דַארְפְן לֶערְנֶען - דֶעמָאלְט גֵייט דִי זְכוּת אוֹיפְ'ן מְנַהֵל; דִי לִימוּד הַתּוֹרָה - אַלֶעס גֵייט אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים. וִויסְן זָאלְסְטוּ, אוּנְזֶער זַאךְ אִיז דִי קִינְדֶער; אַז מִיר וֶועלְן אַרַיינְלֵייגְן דִי קָאפּ אוּן מֹחַ אִין דִי חִינוּךְ הַיְלָדִים - וֶועלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען פוּן אַלֶע צַדִיקִים, מִיר וֶועלְן הָאבְּן מִיט וֶועם אַנְטְקֶעגְן גֵיין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

...

## דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִיז אַ מַתָּנָה פַאר אַלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ"א
לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זָאלְט הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶל'ט אַלֶעס גוּטְס בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן; אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה אוֹיף דֶעם.

דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִיז אַ מַתָּנָה פַאר אַלֶעמֶען; מֶענֶער, פְרוֹיעֶן - נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין קַיין אוּמַאן אוּן זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים; פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס פוּן דֶעם גִלְגוּל אוּן פוּן אַלֶע גִלְגוּלִים.

...

## הֶעלְף דַיין טָאכְטֶער זַיין וואוּיל אוּן גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ"א
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ בַּארִיכְט פוּן חֵדֶר אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע גְרוּס פוּן דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער מְלַמֵד שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט פַּרְשַׁת טָהֳרָה 122 פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן פִיר בְּלַאט גְמָרָא, אוּן אִין פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט 105 פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן זִיבְּן בְּלַאט גְמָרָא.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען.

דַיין טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ׳ אִיז זֵייעֶר אַ קְלוּגֶע מֵיידְל, אַ שַׁארְפֶע מֵיידְל; זִי הָאט אָבֶּער לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אוּנְטֶער צוּ לַאכְן פוּן דִי טִיטְשֶׁער, זִי אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, זִי אִיז וואוּיל, אָבֶּער דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי סֵדֶר פוּן סְקוּל. אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ אִיר וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו, זָאג אִיר אַז אִיךְ בֶּעט אִיר זֵייעֶר זִי זָאל אוֹיסַארְבֶּעטְן אִיר נַאטוּר, זִי זָאל זַיין דִי מֵיידְל וָואס פָאלְגְט, דִי מֵיידְל וָואס קָאאַפֶּערִירְט, אַלֶע זָאלְן אִיר נָאכְמַאכְן.

בְּנוֹגֵעַ דִי שִׁידוּךְ; אִיךְ הָאב גוּטֶע נַייעֶס, אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים אֶל פָּנִים.

...

## שְׁטַארְק זִיךְ אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן נָאךְ סִידִי׳ס מִיט נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע מֵיידְל ... תִּחְיֶ׳; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אִיר מְגַדֵּל זַיין לַתּוֹרָה וּלַחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

אִיךְ וִויל דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אֶפְשָׁר דַאךְ וִוילְסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְ׳ן אַרוֹיסְגֶעבְּן סִידִי׳ס מִיט נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, נִיגוּנִים פוּן תְּשׁוּבָה; מִיר הָאבְּן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף "טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה - 4", מַמָּשׁ אַ שָׁאד דָאס נִישְׁט צוּ עֶנְדִיגְן.

הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִויפִיל טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה וּבִתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה בִּזְכוּת דִי נִיגוּנִים.

אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי סִידִי׳ס וֶועסְטוּ זֶען נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט דִיר.

...

### אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ ווִיל אַייךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אַ גְרוּס פוּן אַייעֶרֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער; דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ בַּארִיכְט פוּן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה, ווִיפִיל זֵיי לֶערְנֶען, יֶעדֶער פַאר זִיךְ - עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ זֶע אַז אַייעֶר זוּן, הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעלֶערְנְט בְּמֶשֶׁךְ דִי צְוֵויי וָואכְן, פַּרְשַׁת טָהֳרָה אוּן פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים - אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן 156 פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן 96 בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוּן אַייעֶר זוּן הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר, הָאט גֶעלֶערְנְט 31 פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן 138 בְּלֶעטֶער גְמָרָא.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער; פוּן זֵייעֶר הַתְמָדָה, פוּן זֵייעֶר עֶרְנְסְטְקֵייט, ווִי זֵיי נוּצְן אוֹיס זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט תַּכְלִית, מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

אוֹיךְ זָאגְט דֶער מְלַמֵּד אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר ווָאוִיל, זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זֶען נָאר נַחַת פוּן זֵיי אוּן פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

...

### דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ זֶען ווִי אַ קִינְד אִיז מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף אַייךְ; מַיין ווַייבּ תְּחְיֶ׳ זָאגְט מִיר זִי הָאט גֶעזֶען בַּיי דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם ווִי שֵׁיין אִיר נֶעמְט אוֹיף אַייעֶר מַאמֶע. אַייעֶר מַאמֶע אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִינְמִיטְן דִי שִׁיעוּר, אִיר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אִיר גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע פְּלַאץ, מִיט אַזוֹיפִיל דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען נָאר זַיין, צוּ זֶען וִוי אַ קִינְד אִיז מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן. לֵיידֶער זֶעט מֶען דָאס נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע, נָאךְ דִי חֲתוּנָּה פַארְגֶעסְן דִי קִינְדֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ וִוי מֶען פַארְגֶעסְט.

בִּזְכוּת כִּיבּוּד אָב וָאֵם זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, "לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ (שְׁמוֹת כ, יא)".

...

## מִיר אַלֶע דַארְפְן מֶער עוֹסֵק זַיין אִין דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ"א

לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן אוּן פַאר אַייעֶר מִשְׁפָּחָה; אִיר וֶועט בְּקָרוֹב הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אִיר וֶועט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, עֶס וֶועלְן אַוֶועקְגֵיין דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיר דַארְפְט פַארְרֶעכְטְן, אִיר בֶּעט אִיךְ זָאל אַייךְ זָאגְן; אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגְן, וָואס "מִיר אַלֶע" דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן; מִיר אַלֶע דַארְפְן מֶער עוֹסֵק זַיין אִין דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען כַאפְּט זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט וִויפִיל מִיר זֶענֶען שׁוּלְדִיג צוּ לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע זַיינֶע חֲסָדִים.

וֶוען מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים.

...

## לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן כָאטְשִׁיג אַ בְּלַאט גְמָרָא.

דֶעם זוּנְטָאג נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין בְּלוּמִינְגְרָאוו פַאר אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד פֶּסַח שֵׁנִי אוּן בְּעִיקָר פַאר אַ סִיוּם, דֶער גַבַּאי פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע מָאל הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָאס אִיז אִינְאֵיינֶעם צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן צְוֵויי מָאל. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ זֶען דִי שֵׂכֶל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אַנְשְׁטָאט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט הֲבָלִים, זֶענֶען זֵיי פַארְנוּמֶען מִיט תַּכְלִית; מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן מִיט אַסַאךְ תּוֹרָה, דָאס וֶועט מִיט גֵיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

זָאלְסְט זִיךְ בַּאשְׁטוּמֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט צוּ עֶפֶענֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיוֹת אוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס וֶועט דִיר בַּאגְלִיקְן.

...

## לָאז אִים הֶערְן נֵייעֶס הַאטְלֵיינְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז אַייעֶר מַאן וִויל הֶערְן ״קוֹל מְבַשֵּׂר״; צוּלִיב דֶעם דַארְפְט אִיר נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ. אַסַאךְ מָאל וִוילְן זִיךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיסְלוּפְטֶערְן דֶעם מֹחַ, צִינְדְט מֶען אָן אַ הַאטְלֵיין אַז דֶער מֹחַ זָאל זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן; רוֹב מָאל הֶערְט מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ צוּם רַאדִיוֹ, עֶס אִיז

פָּשׁוּט אַז דֶער מֹחַ זָאל זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶר מַאן, עֶר אִיז אַ טֵייעֶרֶער מֶענְטְשׁ, בֶּאֱמֶת אַ וואוּילֶער; אִיר דַארְפְט נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם, עֶר וֶועט עֶס אוֹיסְוַואקְסְן. לָאזְט אִים הֶערְן דִי לֵיין, עֶר זָאל הֶערְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ הֶערְן. דָאס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען כַאפְּט עֶס, אִיךְ הָאף אִיר וֶועט נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה צְוִוישְׁן אַייךְ; נָאר שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט.

...

## אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אִיר זָאלְסְט זִיךְ פַארְלֵייגְן - אִיז אוֹיף שִׂמְחָה; שִׂמְחָה הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, שִׂמְחָה אִיז אַ פַּאנְצֶער, שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת.

אֱמֶת טַאקֶע, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן וִידּוּי דְּבָרִים; זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ד) אַז דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער, אָבֶּער דָאס קֶען מֶען נִישְׁט טוּן טָאג אוּן נַאכְט, דָאס דַארְף מֶען טוּן אֵיינְמָאל אַ טָאג, אָבֶּער דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כה).

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט פוּן הַיינְט אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט שִׂמְחָה, דֶער עִיקָר שִׂמְחָה אִיז אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר הִיטְן דִי תּוֹרָה; דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר

מַאכְן אַ פְּלַאץ בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

גֶעדֶענְקְט, אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע, אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי - מוּז זַיין פְרֵיילִיךְ.

...

**פִירְן אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין בְּרוּדֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעגֶעסְן בַּיי דִיר שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט בַּיי דִי סְעוּדָה; אִיךְ הָאבּ אַלְץ לִיבּ צוּ נַאשְׁן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נָאךְ שִׂיחוֹת, נָאךְ שְׁמוּעֶסְן; אַלְץ פְּרֶעג אִיךְ דִי בָּחוּרִים: "וָואס הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיי דַיין טַאטְנְ'ס סְעוּדָה?" אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ הֶערְן אַ פְרִישֶׁע שִׂיחָה.

דַיין בְּרוּדֶער זָאגְט מִיר וִוי מֶען הָאט זִיךְ גֶעקְוָאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה וָואס פַאר אַ חָרְבָּנוֹת דֶער נֵייעֶר פְּרֶעזִידֶענְט בֵּיידֶען הָאט שׁוֹין אָנְגֶעמַאכְט פַארְ'ן לַאנְד.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה זָאלְן רֶעדְן "אַזֶעלְכֶע שְׁטוּתִים!" פַארְגֶעסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, זַיין אַרַיינְגֶעטוּן אִין נַארִישֶׁע פָּאלִיטִיק, בִּפְרַט בַּיים שַׁבָּת סְעוּדָה וָואס אִיז אַ צַייט פוּן אֱמוּנָה, אַ צַייט פוּן דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ וִויל דִיר אוֹיפְוֶועקְן פוּן דַיין זִיסֶער חָלוֹם, ... נֵרוֹ יָאִיר, בַּארוּאִיג זִיךְ, בֵּיידֶען אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט; נִישְׁט דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן אוּן נִישְׁט דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט אוּנְז שֶׁעדִיגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אַזוֹי שֵׁיין.

אַז דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי וֶועלְט זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִין חִינוּךְ הַיְלָדִים. שַׁבָּת בַּיים טִישׁ זָאלְסְטוּ רֶעדְן נָאר פוּן שֵׁיינֶע זַאכְן, פוּן צַדִיקִים, פוּן גוּטֶע מִידוֹת. רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פַאר אַנְדֶערֶע

וֶועלְן רֶעדְן צוּ זֵיי, לָאז זִיךְ אַרָאפּ צוּ זֵייעֶר מֹחַ.

...

## לַ"ג בָּעֹמֶר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁפִּילְן מִיטְ'ן פַּייל אוּן בּוֹיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה; אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי וִוי אַ מַאגְנֶעט, עֶס צִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת צוּם מֶענְטְשׁ.

אֱמוּנָה בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת; וֶוען מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער, מֶען פַאַרְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אִים - דָאס מַאכְט דִי יְשׁוּעָה זָאל קוּמֶען.

קוֹיף זִיךְ אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן; לַ"ג בָּעֹמֶר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁפִּילְן מִיטְ'ן פַּייל אוּן בּוֹיגְן, זָאלְסְט שִׁיסְן דִי פַּיילְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת בָּנִים, סִימָן סג): "דְּרִיכַת הַקֶּשֶׁת בְּלַ"ג בָּעֹמֶר", שִׁיסְן לַ"ג בָּעֹמֶר מִיטְ'ן פַּייל אוּן בּוֹיגְן, "הִוא סְגֻלָּה לְבָנִים", דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער.

...

## וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וִוי חָשׁוּב הֲפָצָה אִיז, וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן פוּן פְרֵייד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ד אִיָּר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִוי גוּט אִיז אוּנְזֶער חֵלֶק, וִוי וואוּיל אִיז אוּנְזֶער גוֹרָל - אֲשֶׁר בַּנַּחַל שָׂם גּוֹרָלֵנוּ, אַז מִיר הָאבְּן דִי זְכִיָּ' צוּ עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן פַאַרְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת פַאר אַלֶעמֶען.

אָנוּ עֲמֵלִים וְהֵם עֲמֵלִים, אַלֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ; אָנוּ רָצִים וְהֵם רָצִים, אַלֶע

זֶענֶען פַארְיָאגְט; אָבֶער וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אַלֶע פְּלָאג אוּן יָאגֶענִישׁ? נָאר דָאס וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן.

וָואלְסְטוּ גֶעווּסְט ווִי חָשׁוּב הֲפָצָה אִיז, וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעזִינְגֶען פוּן פְרֵייד: "אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ..."

...

## עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מוּז זַיין גְרֵייט אִין צַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט"ו אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר ... נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן אִינְגֶערְמַאן וָואס וֶועט אוֹיסְשְׁטֶעלְן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; מִיר דַארְפְן דָאס שׁוֹין הָאבְּן גְרֵייט יֶעדְן זוּנְטָאג, מִיר שִׁיקְן דָאס אַרוֹיס אִין דִי פָּאסְט אוּן עֶס הַאלְט זִיךְ אוֹיף, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, נָאר וֶועגְן דִיר.

זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן מִיט פַארְשְׁלֶעפְּטֶע מֶענְטְשְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שַׁייכוּת מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַ גַאנְץ יָאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ז אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאךְ אַ יָאר אוּן אַ הַאלְבּ וַוארְטְן, בֶּענְקֶען, הָאפְן אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין - אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

יֶעצְט בִּין אִיךְ אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, מִיר פָארְן צוּ אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן, מָקוֹם מְנוּחַת הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי; אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִיר, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן, וֶועט יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְז זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה אִין זַיין עִנְיָן וָואס עֶר דַארְף.

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, יֶעצְט אִיז אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט אָנְצוּהֵייבְּן מַאכְן אַ גוּטֶע נָאנְטֶע קֶשֶׁר מִיטְ'ן הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ קֶשֶׁר מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן - לַ"ג בָּעֹמֶר, נָאכְדֶעם זֶענֶען פַארְהַאן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מְקוּשָּׁר מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַ גַאנְץ יָאר; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט: "וֶוער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד? וֶוער הָאט אַ שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן? נָאר דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן; מֶען קֶען זִיךְ דְרֵייעֶן אִין בְּרֶסְלֶב לַאנְגֶע יָארְן, מֶען קֶען זִיךְ פָּאפְּן, זִיךְ אַלֵיינְס אֵיינְרֶעדְן - אַז מֶען אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, אָבֶּער כָּל זְמַן מֶען עֶפְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן".

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר תִּיקוּנֵי זוֹהַר; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפה): "דֶער סֵפֶר תִּיקוּנִים אִיז זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע סֵפֶר, זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע סֵפֶר"; אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַ גַאנְץ יָאר.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל, עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר דַארְף אַ תִּיקוּן, עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים רַחֲמָנָא לִצְלַן; הָאט אִים דֶער אֲרִיזַ"ל גֶעזָאגְט: "לֶערְן יֶעדְן טָאג פִינְף דַפִּים תִּיקוּנִים, דָאס וֶועט דִיר מְתַקֵּן זַיין, דָאס וֶועט דִיר רֵיינִיגְן".

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אִיךְ בִּין אַבִּיסְל אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי וֶועג, דַארְף אִיךְ מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווען עס גייט אריבער שוועריקייטן דארף מען לערנען די הייליגע תורה און בעטן דעם אייבערשטן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י"ח אִיָּר, לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ איך האב זוכה געווען אנצוקומען קיין ארץ ישראל, איך געפון זיך יעצט אין אתרא קדישא מירון. איך האב פריער אנגעצינדן די הדלקה צוזאמען מיט מיין טאטע, קארלסבורגער רב שליט"א, אין חצר פון בית המדרש מראה יחזקאל מירון. מיר האבן געטאנצן מיט א מורא'דיגע פרייליכקייט, געדאנקט דעם אייבערשטן אז מיר האבן א שייכות צום הייליגן צדיק רבי שמעון בר יוחאי.

גלייך פון ערפארט בין איך געפארן קיין מירון, איך האב געדאווענט מעריב, געציילט ספירה און אנגעצינדן די הדלקה צוזאמען מיט מיין טאטע; מען האט געטאנצן עטליכע שעה, נאכדעם האט מען זיך געוואשן צו א סעודה לכבוד רבי שמעון בר יוחאי.

מיין טאטע שליט"א האט געזאגט זייער א שיינע טעם פארוואס מען שיסט ל"ג בעומר מיט א פייל און בויגן. די הייליגע חכמים דערציילן (ירושלמי שביעית ט, א; תוספות עבודה זרה טז ע"ב, דבור המתחיל דימוס) ווען רבי שמעון בר יוחאי איז ארויסגעקומען פון די מערה האט ער געזען ווי א מענטש שטייט מיט א בויגן און שיסט פייגעלעך, ער וויל כאפן פייגעלעך; דער פאנגער האט געמיינט אז ער גייט שיסן די פייגל און דאס כאפן, האט רבי שמעון בר יוחאי געהערט א בת קול פון הימל וואס שרייט: "דימוס!" יענע פייגל איז אוועקגעפלויגן און נישט געווארן געשאסן. א מינוט שפעטער האט דער פאנגער געשאסן נאך א פייגל, און רבי שמעון האט געהערט א בת קול וואס שרייט: "ספיקולא", כאפ עס, און די פאנגער האט געפאנגען די פייגעלע. האט רבי שמעון געזאגט פאר זיין זון רבי אלעזר: "אפילו צפורא

קְלִילָא מִבַּלְעֲדֵי שְׁמַיָּא לֹא מִתַּצְדָא", אֲפִילוּ אַ פֵייגֶעלֶע קֶען מֶען נִישְׁט פַאנְגֶען אָן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָאל הֵייסְן; הָאט מַיין טַאטֶע זֵייעֶר שֵׁיין צוּגֶעשְׁטֶעלְט, אַז וֶועגְן דֶעם שִׁיסְן מִיר מִיט אַ בּוֹיגְן, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז וֶוען מֶען הַאלְט אַ בּוֹיגְן אִין דִי הַאנְט אוּן מֶען וִויל שִׁיסְן, הָאבְּן מִיר עֶפֶּעס כֹּחוֹת אִין דִי הַאנְט, נָאר אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ מֶענְטְשׁ קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, עֶר קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְשִׁיסְן אַ פַייל אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן אִין הִימְל אַז אַזוֹי זָאל זַיין.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט נָאךְ אַ טַעַם פַארְוָואס מֶען שִׁיסְט מִיט אַ בּוֹיגְן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ב) אַז תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "קֶשֶׁת", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מח, כב): "בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי - בִּצְלוֹתִי וּבְבָעוּתִי"; אַז דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי מְגַלֶּה גֶעוֶוען, דִי עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף; דֶערְפַאר שִׁיסְט מֶען מִיט אַ בּוֹיגְן, כְּדֵי מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען פוּן תְּפִלָּה.

יֶעצְט הֶער אִיךְ שְׁרֶעקְלִיכֶע נַייעֶס, אַז אוֹיבְן בַּיי דִי מַעֲרָה הָאט פַּאסִירְט אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז אַיינְגֶעפַאלְן אַ בִּנְיָן, אַ בְּרִיק, אוּן צֶענְדְלִיגֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְוואוּנְדֶערְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ אוּן מַיין מִשְׁפָּחָה זֶענֶען גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, דַארְפְן מִיר מִתְפַּלֵּל זַיין אַז אַלֶע זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

מֶען הָאט יֶעצְט פַארְשְׁלָאסְן דִי מַעֲרָה. אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מַעֲרָה, אִיךְ הָאף צוּ דַאוֶוענֶען וָתִיקִין אוּן נָאךְ וָתִיקִין אַרוֹיפְגֵיין צוּ דִי מַעֲרָה. אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג לָאמִיר מַאכְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע קַבָּלָה, לָאמִיר נָאכְמַאכְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן; וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעהַאט דִי צָרָה, מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען, הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דָאס דַארְפְן מִיר נָאכְמַאכְן, וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער

שְׁוֶועריקַייטְן דַארף מֶען זיךְ בַּאהַאלְטְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן נָאכְדֶעם דַארף מֶען זוּכְן אַ הֵייל וואו מֶען קֶען זיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן זיךְ מְקַבֵּל זַיין אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג מוֹסִיף צוּ זַיין אִין צְנִיעוּת, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי הָאר; קוּקְט אַרַיין וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (נָשׂא קכה:): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי; זָאגְט וַוייטֶער דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ', זיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָּרִים דָא', וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זיךְ אַרוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין פוּן דֶעם גְרוֹיסְן טָאג נָאר גוּטֶע זַאכְן, בְּרָכוֹת וִישׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

...

## אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִיז דָא גֶענוּג פְּלַאץ פַאר אַלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ח אִיָּר, לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, נָאךְ אַזוֹיפִיל וַוארְטְן, בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ בִּין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ גֶעפִוּן זִיךְ אִין מִירוֹן בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

מִיר שְׁטֵייעֶן אִין אַזַא גְרוֹיסְן טָאג - לַ"ג בָּעֹמֶר, דַארְף מֶען זֶען צוּ מְקַבֵּל זַיין גוּטֶע זַאכְן לִכְבוֹד רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וְכַת דִילֵיהּ בְּרֶענְגֶען אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה; מֶען דַארְף אַיינְקְרִיצְן אִין זִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פַּאסִירוּנְג, נִישְׁטָא קַיין טָעוּתִים, נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל; אַלֶעס אִיז עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.

וֶוען מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט דֶעם גֶעדַאנְק, דֶעמָאלְט אִיז דֶער לֶעבְּן אַ גַן עֵדֶן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד): "כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט, "שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו", אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, "הֵם לְטוֹבָתוֹ", אִיז לְטוֹב, "זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא", דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא.

דָאס דַארְפְן מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַזַא גְרוֹיסֶע טָאג וִוי לַ"ג בָּעֹמֶר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן צח): רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶענוּמֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה אוּן אִין זֵיי אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אֱמוּנָה, אַרַיינְגֶעשַׁיינְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן דָאס גֶעפֶערְלִיכְקֵייט פוּן עֲבֵירוֹת. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער לָשׁוֹן וָואס מִיר גֶעפִוּנֶען אִין גְמָרָא (שַׁבָּת לד.) בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי: "נָתַן בּוֹ עֵינָיו וְנַעֲשָׂה גַּל שֶׁל עֲצָמוֹת"; וָואס טַייטְשׁ: "נָתַן בּוֹ עֵינָיו"? פַארְוָואס

שְׁטֵייט נִישְׁט "הִסְתַּכֵּל בּוֹ?" נָאר דֶער צַדִּיק הָאט אַנְדֶערֶע סָארְט אוֹיגְן, דֶער צַדִּיק זֶעט נָאר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר זֶעט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִצְוֹת, עֶר זֶעט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה.

אַז מֶען קוּקְט אַרַיין אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, כִּמְעַט אִין יֶעדְן בְּלַאט זָאגְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי: "וואוֹיל זֶענֶען דִי אִידְן, וואוֹיל זֶענֶען דִי וָואס לֶערְנֶען; וִוי גְלִיקְלִיךְ אִיז וֶוען מֶען טוּט אַ מִצְוָה", אוּן פַארְקֶערְט: "וֵויי פַאר דִי רְשָׁעִים, וֵויי פַאר דִי וָואס גֵייעֶן נִישְׁט אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה".

דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן דִי אוֹיגְן, מִיר זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן דִי אוֹיגְן וָואס זֶעעֶן נָאר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לד, טז): "עֵינֵי ה' אֶל צַדִּיקִים", דֶער צַדִּיק גֶעבְּט אַרַיין אִין אוּנְז זַיינֶע אוֹיגְן.

דָאס מֵיינְט: "נָתַן בּוֹ עֵינָיו", עֶר הָאט אַרַיינְגֶעגֶעבְּן זַיינֶע אוֹיגְן אִין דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְנַעֲשָׂה גַּל" - גַּל אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן הִתְגַּלּוּת, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זֶען, עֶס אִיז אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן "עֲצָמוֹת", דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן (יְשַׁעְיָה לג, טו): "עֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע", מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֶען דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן עֲבֵירוֹת.

אִיר הָאט גֶעהֶערְט דִי נַייעֶס, עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ שׁוֹידֶערְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג אִין מִירוֹן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דָאס דַארְף אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן פוּן אוּנְזֶערֶע דִמְיוֹנוֹת; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם, מִיט יֶענֶעם, וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג, דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מִינוּט.

וָואס אִיז דָאס זַיין פַארְנוּמֶען מִיט קְרִיגֶערֵייעֶן? מִיט קוּקְן שְׁלֶעכְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? מֶען דַארְף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען לֶעבְּט, מֶען אִיז גֶעזוּנְט, אַז מֶען קֶען הִיטְן נָאךְ אַ שַׁבָּת, מֶען קֶען אָנְטוּן נָאךְ אַ טָאג תְּפִילִין, מֶען קֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען; וָואס דַארְף מֶען זִיךְ קְרִיגְן?! וָואס דַארְף מֶען יֶענֶעם צֶעדְרִיקְן?!

אַז עֶס פַּאסִירְט אַ נִישְׁט גוּטֶע פַּאסִירוּנְג דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען דַארְף אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ רֶמֶז פוּן הִימְל. לֵיידֶער זֶענֶען מֶענְטְשְׁן צֶעדְרִיקְט

גֶעוָוארְן, אֵיינֶער אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן בִּיז עֶס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אוּמְגֶעקוּמֶען טֵייעֶרֶע אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן; דָאס דַארְף אוּנְז וַוייזְן מִיר זָאלְן נִישְׁט קְוֶועטְשְׁן אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט טְרֶעטְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן נִישְׁט בַּאגְרָאבְן אַ צְוֵוייטְן.

אַז מֶען לֶעבְט מִיט אֱמוּנָה אִיז דָא גֶענוּג פְּלַאץ פַאר אַלֶעמֶען, דֶעמָאלְט טְרֶעט מֶען נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז אֵיינֶע פוּן דִי נִיסִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ (יוֹמָא כא.): "עוֹמְדִים צְפוּפִין וּמִשְׁתַּחֲוִים רְוָחִים", עֶס אִיז גֶעוֶוען פְּלַאץ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; נָאךְ אַ נֵס אִיז גֶעוֶוען (שָׁם): "וְלֹא אָמַר אָדָם לַחֲבֵרוֹ צַר לִי הַמָּקוֹם שֶׁאָלִין בִּירוּשָׁלַיִם", קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאקְלָאגְט אוֹיף זַיין לֶעבְן, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל צַר לִי הַמָּקוֹם), מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעגֶערעדְט אוֹיף דִי דִירָה אַז עֶס אִיז קְלֵיין, דִי פַּרְנָסָה אִיז מְצוּמְצָם, מֶען הָאט גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען דַעַת, מִמֵּילָא אִיז אַלֶעס גוּט גֶעוֶוען.

פַאלְט נִישְׁט אַריין אִין קַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶערֶעכְטִיגְקֵייט. מִיר דַארְפְן זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיר דַארְפְן וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה.

נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים; אַז מֶען דַאנְקְט – וֶוערְט שׁוֹין הַרְחָבָה, דָאס אִיז פְּשַׁט: "עוֹמְדִים צְפוּפִין", וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען שְׁטֵייט צֶעדְרוּקְט? "מִשְׁתַּחֲוִים", אַז מֶען בּוּקְט זִיךְ, מֶען נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, וֶוערְט שׁוֹין "רְוָחִים".

שַׁבָּת בִּין אִיךְ בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אִין מִירוֹן בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, דִי אַנְדֶערֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זיך מְקַבֵּל זַיין צוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע מִיט כָּבוֹד אוּן שֶׁעצוּנְג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ח אִיָּיר, לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע בְּרוּדֶער, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין מִירוֹן; אִיר הָאט אַוַדַּאי גֶעהֶערְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נַייעֶס פוּן מִירוֹן.

וֶוען מֶען הֶערְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג דַארְף מֶען זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין וָואס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן.

דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א׳ מֵהִלְכוֹת תַּעֲנִיּוֹת, הֲלָכָה ג): "אִם לֹא יִזְעָקוּ וְלֹא יָרִיעוּ, אֶלָּא יֹאמְרוּ, דָּבָר זֶה מִמִּנְהַג הָעוֹלָם אֵירַע לָנוּ, וְצָרָה זוֹ נִקְרָה נִקְרֵית, הֲרֵי זוֹ דֶּרֶךְ אַכְזָרִיּוּת", אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט מִתְבּוֹנֵן, מֶען נֶעמְט נִישְׁט אַרוֹיס וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן, מֶען זָאגְט עֶס אִיז אַ פַּאסִירוּנְג וָואס פַּאסִירְט - אִיז מֶען אַן אַכְזָר; וַוייל מֶען מַאכְט מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי וֶועט קוּמֶען נָאךְ צָרוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

וָואס דַארְפְן מִיר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען? דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הֵייבְּט אָן דִי אִדְּרָא (נָשֹׂא קכח.): "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז זִיךְ לִיבּ הָאבְּן; דַארְפְן מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אָפְּצוּלָאזְן דִי פַּיינְטְשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן.

דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים, מִיט זֵיי טָאר מֶען נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן, מִיט דִי עֵרֶב רַב טָאר מֶען נִישְׁט הָאבְּן; דָא רֶעדְט מֶען פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן אַלֶע סָארְט קְרֵייזְן, חֲסִידוּת׳ן אוּן אָפְּשְׁטַאם; וָואס דַארְף מֶען זִיךְ קְרִיגְן?! שׁוֹין צַייט אָפְּצוּלָאזְן דִי קַטְנוּת ׳וֶוער אִיז גְרֶעסֶער?׳ ׳וֶוער הָאט מֶער מֶענְטְשְׁן?׳ ׳וואו שְׁטוּפְּט מֶען זִיךְ מֶער?׳

קוּקְט וָואס הָאט פַּאסִירְט דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר, טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע נְפָשׁוֹת, אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זִיךְ גֶעקוּמֶען אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי - זֶענֶען צֶעדְרִיקְט

גֶעוָוארְן; אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל, חוּץ פוּן דִי צֶענְדְלִיגֶער נִפְטָרִים רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

וָואס הָאט מֶען פוּן קוּקְן וֶוער אִיז גְרֶעסֶער? וֶוער עֶס הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע עוֹלָם, וֶוער עֶס הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע הַדְלָקָה? וָואס דַארְף מֶען זִיךְ קְרִיגְן? לָאמִיר גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִינֶעם הֵייל, אִינֶעם אִדְרָא: "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", מִיר דַארְפְן זִיךְ לִיב הָאבְּן, מִיר דַארְפְן זִיךְ פַארְגִינֶען.

וֶוער הָאט צַייט צוּ טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף יֶענֶעם? וִוי אִיז דָא צַייט צוּ חוֹזֶק מַאכְן פוּן אַנְדֶערֶע?! דֶער תַּם הַקָדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מַעֲשֶׂה ט): "וָואס וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט לַאכְן? דוּ וֶועסְט דָאךְ עֶרְשְׁט זַיין אַ נַאר!"

לָאמִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין בְּשִׂמְחָה אַז מִיר גֵייעֶן קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע מִיט כָּבוֹד, מֶען וֶועט שֶׁעצְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. מוֹהַרְנַ"שׁ זָאגְט, עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דִי אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן זִיךְ לִיב גֶעהַאט אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, דִי אַלֶע הָאבְּן גֶענוּמֶען מֶער פוּן רֶבִּי'ן, דִי לִיכְט פוּן רֶבִּי'ן, דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן; עֶס הָאט אוֹיף זֵיי גֶעשַׁיינְט דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט שְׁטֶערְקֶער אוּן מֶערֶער.

פַאלְט נִישְׁט אַרַיין אִין אַ פַּאנִיק, בְּלַייבְּט פְרֵיילִיךְ; כַאפְּט אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן אִין אַזַא גְרוֹיסֶע טָאג, נָאר מִיט שִׂמְחָה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

### צְנִיעוּת אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְז אִידְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ח אִיָיר, לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁתִּחְיוּ**

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע טָאג - לַ"ג בָּעֹמֶר, אִיר וִוילְט דָאךְ זֶען יְשׁוּעוֹת, אִיר וַוארְט דָאךְ אוֹיף אַ נֵס; זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין עֶפֶּעס אַ

גוּטֶע זַאךְ, אַ גוּטֶע הַנְהָגָה - בִּפְרַט אִין צְנִיעוּת.

רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (זוהר פָּרָשַׁת נָשֹׂא, קכה:) אַז הָאר פוּן אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע פְרוֹי אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת; אַ סַכָּנָה פַאר דִי קִינְדֶער, אַ סַכָּנָה פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ. הָאר פוּן אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע פְרוֹי אִיז שֶׁעדְלִיךְ; זָאלְט אִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט זֶען אַייעֶר הָאר. עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן, נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת - שֶׁערְן זִיךְ אָפּ דִי הָאר, אַזוֹי הָאבְּן זֵיי נִישְׁט דִי אַלֶע סַכָּנוֹת אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵּיגָא (תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵּיגָא אִיז נִישְׁט נָאר וֶוער עֶס זִיצְט אִין דִי פִיר וֶוענְט פוּן בֵּית פֵּיגָא, נָאר אַלֶע וָואס גֵייעֶן אִין דִי וֶועג וָואס מוֹהֲרָא"ש לֶערְנְט אוּנְז), קוּקְט אוֹיף צְנִיעוּת מִיט אַן אֱמֶת; צְנִיעוּת אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, צְנִיעוּת אִיז אַ בַּא'טַעֲמְ'טֶע זַאךְ, צְנִיעוּת אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס אִיז אַלְט מָאדִישׁ, יָאנְטְשִׁי; עֶס אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְז אִידְן, מִיר זָאלְן זַיין בַּא'חֵן'ט, בַּא'טַעמְ'ט, שֵׁיין אוּן אֵיידְל.

דִי פְרוֹיעֶן וָואס טוּעֶן זִיךְ אָן נִישְׁט אֵיידְל - דָאס אִיז עַל פִּי רוֹב פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט; קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט אַ פְרֵיילִיכֶע יוּגְנְט, קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶעפֵּיינִיגְט - עַל פִּי רוֹב, זֵיי זוּכְן עֶפֶּעס פְרֵיילִיכְקֵייט, גֵייעֶן זֵיי זוּכְן בַּיי דִי עֶקֶלְדִיגֶע גוֹיִם, וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן אִין דִי תּוֹרָה נִישְׁט מֶענְטְשְׁן, "אֲשֶׁר בְּשַׂר חֲמוֹרִים בְּשָׂרָם (יְחֶזְקֵאל כג, כ)", מֵיינֶענְדִיג אַז דָאס וֶועט זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

טֵייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת, גְלֵייבְּט מִיר אַז צְנִיעוּת אִיז שֵׁיין; גְלֵייבְּט מִיר, מֶען קֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע, זִיסֶע, גֶעשְׁמַאקֶע, פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן מִיטְ'ן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל. נֶעמְט אַייךְ פָאר גוּטֶע זַאכְן, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט אַייךְ.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דֶעם בְּרִיוו פוּן מִירוֹן בַּיים צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

...

## אִיךְ זֶע אִיר זֶענְט גוּטֶע מֵפִיצִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ח אִיָּר, לַ״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יֶעצְט גֶעפִּוּן אִיךְ זִיךְ אִין מִירוֹן; אוֹיף שַׁבָּת וֶועל אִיךְ דָא זַיין. אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וִויל אִיךְ זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ וִויל זַיין מִיט אַייךְ, זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹצְרוֹת וָואס מִיר הָאבְּן פוּן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן, אִיךְ זֶע אִיר זֶענְט גוּטֶע מֵפִיצִים, עֶס אִיז נִישְׁט צוּם גְלֵייבְּן וָואס דָא טוּט זִיךְ, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַ מִינוּט פַאר מִיר; יֶעדֶע רֶגַע מַמָּשׁ קוּמְט צוּ נָאךְ אַ בָּחוּר, נָאךְ אַ אִינְגֶערְמַאן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פַאר דִי גִלְיוֹנוֹת, פַאר דִי שִׁיעוּרִים, פַאר דִי חִיזוּק יוֹמִי; אַזוֹינְס הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט, אָן קַיין גוּזְמָא, מֶען שְׁטֶעלְט מִיר אָפּ אִין דִי הוּנְדֶערְטֶער זִיךְ בַּאדַאנְקֶען.

דָאס אִיז אַלֶעס דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, גוּטֶע מֵפִיצִים; אִיר זֶענְט לֶעבֶּעדִיגֶע חֶבְרָה, שְׁטֶערְקֶערֶע אוּן פְרִישֶׁערֶע וִוי אַמָאל.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

בעזהשי"ת

**באקומט אויף די פאסט יעדע וואך בעז"ה**
**בית נצחי, גליון היכל הקודש,**
**עצתו אמונה, און קרית ברסלב בלעטל**




רופט 102 / 718-387-2691

שיקט אן אימעיל צו subscribe@kerenhadfusa.org

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דִי הִינְט

"הָאוֹ ! הָאוֹ הָאוֹ ! ! !" דִי הִינְט הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעבִּילְט אָן אוֹיפְהֶער, "הָאוֹ ! הָאוֹ הָאוֹ ! ! !"

גֶעוֶוען אִיז דָאס וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, פְּלוּצְלוּנְג זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַ מַחֲנֶה הִינְט, זֵיי הָאבְּן אַרוּם גֶענוּמֶען דִי וָואגְן אוּן גֶעבִּילְט, בִּיז דִי וָואגְן הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייטֶער פָארְן, דִי הִינְט זֶענֶען גֶעוֶוען צֶעוִוילְדֶעוֶועט אוּן גֶעשְׁרִיגְן "הָאוֹ ! הָאוֹ !"

בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט זַיין הֵיילִיגֶע קָאפּ פוּנֶעם וָואגְן אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי הִינְט: "אִיךְ וֵוייס, אִיךְ וֵוייס; אִיךְ וֵוייס וֶוער אִיר זֶענְט..."; וֶוען דִי הִינְט הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועק צוּ לוֹיפְן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט וַוייטֶער גֶעקֶענְט פָארְן.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אַרִיבֶּער גֶעפָארְן דֶעם וֶועג אוּן דִי הִינְט זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעבִּילְט

אוּן גֶעשְׁרִיגְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט דֶעם וָואגְן פָאְרְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט זַיין קָאפּ אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַמָאל דָא אוֹיף דֶעם וֶועג אוּן הִינְט הָאבְּן זֵייעֶר גֶעבִּילְט, הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט 'אִיךְ וֵוייס, אִיךְ וֵוייס; אִיךְ וֵוייס וֶוער אִיר זֶענְט', אִיךְ זָאג עֶנְק, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט"; וֶוען דִי הִינְט הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט זֶענֶען זֵיי אַלֶע אַוֶועקְגֶעלָאפְן.



אִיךְ וֵוייס טַאקֶע גָארְנִישְׁט

מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין פֶעלְד אִין אַ וַואלְד זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, פְּלוּצְלוּנְג זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען גְרוֹיסֶע הִינְט, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בִּילְן, הָאט מוֹהֲרָא״ש זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט: ״דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן פוּן בְּרֶסְלֶב אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן הִינְט הָאבְּן זֵייעֶר גֶעבִּילְט, הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט ׳אִיךְ וֵייס, אִיךְ וֵייס; אִיךְ וֵייס וֶוער אִיז זֶענְט׳ אוּן אַלֶע זֶענֶען אַוֶועקְגֶעלָאפְן, שְׁפֶּעטֶער אִיז זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין וֶועג אוּן הִינְט הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי הִינְט ׳אִיךְ וֵייס נִישְׁט, אִיךְ וֵייס נִישְׁט׳, אוּן אִיךְ זָאג עֶנְק הָאט מוֹהֲרָא״ש גֶעזָאגְט, אִיךְ וֵייס טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אִיךְ הֵייבּ נִישְׁט אָן צוּ וִויסְן״, אוּן דִי הִינְט זֶענֶען אַוֶועק גֶעלָאפְן.

מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז אִים זִיכֶער אַז בִּזְכוּת וָואס עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי׳ן זֶענֶען דִי הִינְט אַנְטְלָאפְן, אַנְדֶערְשׁ וֵייסְט עֶר נִישְׁט וָואס הָאט גֶעקֶענְט פַּאסִירְן; מוֹהֲרָא״ש אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְלוֹירְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיינְס אִין פֶעלְד, אִין אַ וַואלְד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, וָואס קֶען עֶר טוּן וֶוען דִי הִינְט נֶעמֶען אִים אַרוּם? נָאר אִין זְכוּת וָואס עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן - אִיז עֶר גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעזָאגְט, דָאס אִיז אַ גוּטֶע סְגוּלָה וֶוען מֶען וִויל פָּטוּר וֶוערְן פוּן הִינְט, זֵיי דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה; אוּן אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמֶען עַזוּת פְּנִים׳עֶר וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן הִינְט, אַז מֶען וִויל פָּטוּר וֶוערְן פוּן זֵיי זָאלְן מֶען רֶעדְן פוּן רֶבִּי׳ן - וֶועלְן זֵיי אַלֶע אַנְטְלוֹיפְן.

טייערע חשוב׳ע קינדער שיחיו!

די נעקסטע גורל פאר די וואס שיקן אריין וואס מען האט זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה, וועט מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף פארקומען דעם קומענדיגן מיטוואך פרשת במדבר, ראש חודש סיון.

געדענקט, מיט יעדע מעסידזש וואס מען שיקט אריין גייט מען נאכאמאל אריין אינעם גורל!

ווי אויך קען מען נאך אריינשיקן די תפילות אויסגעשטעלט לויט די א״ב אריינצוגיין אינעם עקסטערן גורל

***** אין די קומענדיגע גורל וועט מען אויך קענען געווינען א ספר המדות *****

**כאפ אריין! דו קענסט זיין דער גליקליכער געווינער!**

די נומער וואו מען קען דערווייל לאזן מעסידזשעס איז: 718-387-2691 - אפציע 6, די קינדער וואס לערנען אין די היכל הקודש ברסלב תלמוד תורה קענען דאס איבערגעבן פאר זייער מלמד שליט״א, אדער קען מען דאס שיקן אויף פאסט צום אדרעסס:

Keren Hadfusa of Breslev 27 Skillman Street Brooklyn NY 11205

אזוי אויך קען דאס ווערן געשיקט דורך די עלטערן צום אימעיל אדרעסס:
info@kerenhadfusa.org

# קורצע תיקון ליל שבועות ווערט פריש איבערגעדרוקט דורך קרן הדפסה

צוליב די גרויסע פארלאנג ווערט יעצט פריש הערליך איבערגעדרוקט דעם "תיקון ליל שבועות", וואס וועט איבערגעפרישט ווערן הערליך און שיין. אלע יארן בעפאר שבועות פלעגט מוהרא"ש רעדן פון דעם, אז דער עיקר תיקון איז ווי עס שטייט בפשטות אז מען זאל זאגן נאר די ערשטע און לעצטע פסוק פון יעדע פרשה, און די ערשטע און לעצטע פסוק פון יעדע ספר פון נ"ך, און דאס וואס מיר האבן אזא לאנגע תיקון ליל שבועות איז שפעטער צוגעקומען דורך די צדיקים וועלכע האבן צוגעלייגט נאך אסאך זאכן צו זאגן במשך די נאכט.

למעשה שטעלט זיך ארויס אז פיל מענטשן האבן נישט קיין געדולד צו זאגן אזא לאנגער תיקון, און זיי זאגן דערפאר גארנישט. דעריבער – פלעגט מוהרא"ש זאגן – דארף מען וויסן אז אויב מען קען נישט זאגן די גאנצע תיקון, זאל מען כאטש זאגן דער עיקר תיקון וואס דאס איז דער ערשטער און לעצטער פסוק, אזוי אויך – האט מוהרא"ש געזאגט – איז כדאי צו זאגן די תרי"ג מצות שבועות ביינאכט, און מיט דעם זיך צוגרייטן צו מקבל זיין אויף זיך צו מקיים זיין די אלע תרי"ג מצות וואס דער אייבערשטער האט געגעבן אום יום טוב שבועות.

ווען דער בית הדפוס האט צום ערשטן מאל געדרוקט דער קורצער "תיקון ליל שבועות" וואס האט אנטהאלטן נאר די ערשטע און לעצטע פסוק פון אלע סדרות און ספרי התנ"ך, האט

# קורצע תיקון ליל שבועות ווערט פריש איבערגעדרוקט דורך קרן הדפסה

מוהרא"ש זייער הנאה געהאט, זאגענדיג אז דאס וועט ברענגען אז פיל אידן זאלן אנהייבן זאגן דעם תיקון ליל שבועות, און זוכה זיין דורך דעם צו די אלע גרויסע תיקונים. און זינט דעמאלטס האט מען עס שוין איבערגעדרוקט פיל מאל. שטייענדיג יעצט פאר דעם הייליגן יו"ט שבועות, גרייט מען זיך עס פריש איבערצוארבעטן אויף א הערליכע פארמאט, אויף דעם זעלבן אופן ווי מען האט איבערגעדרוקט דעם הגדה "אור זרוע" בעפאר דעם פארגאנגענעם יום טוב פסח.

צו נעמען א חלק אין איבערמאכן די תיקון ליל שבועות קען מען דורך:

∞רופן 718-387-2691 עקסט. 3,

∞אימעיל: donate@kerenhadfusa.org.

∞אויפן וועבסייט: www.breslevcenter.com/donations

# בשורה טובה!

די שטארק אויפגעכאפטע וועכנטליכע קונטרסים

## עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

איז שוין יעצט
דא צו
באקומען
אפגעשיקט

**יעדע
וואך
צו אייער
טיר
אויף די
פאסט**

העךליכע
בריון, שאלות
ותשובות אין
אלע אקטועלע
נושאים אין טאג
טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן
ראש ישיבה
**הרה"ג ר'
יואל ראטה
שליט"א**




פאר די ביליגע
פרייז פון בלויז
**$2.99**
פער וואך

goodpointmediainc@gmail.com

פילע אידן זענען שוין אויפגעראכטן
געווארן פון די געשמאקע בריון,
פול מיט עצות און חיזוק פאר יעדן
פראבלעם, זייט אויך פון די גליקליכע!

צו סובסקרייבן קענט איר רופן אדער שיקן א טעקסט

**718.387.2691**

קרן הדפסה היכל הקודש

אדער שיקט א אימעיל צו: **subscription@kerenhadfusa.org**